# פארוואס זאגט מען ניט הלל אויף פורים

**פורים**

אמירת הלל בפורים / סוגי ניסים / גברא וחפצה
ארץ ישראל וחוץ לארץ

לע"נ זאב ארי' ע"ה בן יבלחט"א שניאור זלמן גליק

אין גמרא מגילה[1] ווערט געבראַכט אַז מקרא מגילה איז אַ גרויסער חידוש, ווייל מ'געפינט ניט אַז בזמן הנביאים זאָל מען מוסיף זיין נאָך אַ מצוה אַ חוץ פון מצות מקרא מגילה. פרעגט די גמרא "מאי דרוש"? (אויף וואָס האָבן די חכמים זיך סומך געווען), ענטפערט די גמרא אַז זיי האָבן געמאַכט אַ קל וחומר "ומה מעבדות לחירות אמרינן שירה, ממיתה לחיים לא כל שכן"!? (אויב ביי יציאת מצרים וואָס דאַמאָלסט זיינען אידן באַפרייט געוואָרן פריי פון שעבוד מצרים האָבן די אידן געזאָגט שירה, איז כל שכן ביי פורים וואָס דאַמאָלסט איז דער לעבן פון די אידן געראַטעוועט געוואָרן, אַז מ'זאָל זאָגן שירה - קריאת המגילה.)

פרעגט די גמרא "אי הכי הלל נמי נימא?" (אויב אַזוי זאָל מען אויך זאָגן הלל.) ענטפערט די גמרא "לפי שאין אומרים הלל על נס שבחוצה לארץ" (ווייל מען זאָגט ניט הלל אויף נסים וואָס האָבן פּאַסירט אין חוץ לארץ.) רב נחמן זאָגט נאָך אַן ענטפער "קרייתא זו הלילא" (לייענען די מגילה איז הלל.) רבא זאָגט נאָך אַן ענטפער "בשלמא התם הללו עבדי ה', אלא הכא הללו עבדי ה' ולא עבדי אחשורוש? אכתי עבדי אחשורוש אנן!" (בשלמא ביי יציאת מצרים קען מען זאָגן הללו עבדי ה' (דער ערשטער פסוק פון הלל) אָבער פורים ווי קען מען זאָגן עבדי ה' און נישט עבדי אחשורוש? מיר זיינען דאָך נאָך אַלץ קנעכט פון אחשורוש!)

> דער חילוק צווישן דער ענטפער פון רב נחמן און די אַנדערע צוויי איז, לויט רב נחמן איז פאַראַן אַ חיוב קריאת הלל, ס'איז נאָר וואָס קריאת המגילה איז אַנשטאָט הלל. לויט די אַנדערע תירוצים איז בכלל ניטאָ קיין חיוב אויף קריאת הלל.

> אַ נפקא מינה להלכה צווישן די דריי ענטפערס, זאָגט דער מאירי,[2] אויב איינער האָט ניט קיין מגילה אום פורים, איז לויט רב נחמן איז ער חייב זאָגן הלל.

דאַרף מען פאַרשטיין: לויט רבא איז משמע אַז בעצם דאַרף מען זאָגן הלל, ס'איז נאָר וואָס בפועל זאָגט מען ניט צוליב אַ זייטיקן טעם, ווייל מיר זיינען נאָך אַלץ אין גלות. אויב אַזוי בלייבט נאָך אַלץ שווער די קשיא פון די גמרא "ומה מעבדות לחירות אמרינן שירה, ממיתה לחיים לא כל

1. יד, א
2. מגילה שם

שכן"!? - פאַרוואָס זאָגט מען ניט שירה פאַר'ן אויבערשטן אויף דער גרויסער נס?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: די גמרא זאָגט אין דער ערשטער ענטפער אַז אויף אַ נס שבחוץ לארץ זאָגט מען ניט הלל. איז משמע אַז לויט רבא קען מען יע זאָגן הלל אויף אַ נס שבחוץ לארץ. דאַרף מען פאַרשטיין: רבא זאָגט אַז מען קען ניט זאָגן הלל ווען מען איז אין אַ מצב פון "עבדי אחשורוש", וואָס דאָס איז דאָך כל זמן מען איז אין גלות.[3] איז ווי איז שייך אַז מען זאָגט הלל אין גלות, ס'דאָך די זעלבע זאַך פון "אכתי עבדי אחשוורוש"?

ב צו דאָס פאַרשטיין דאַרף מען מקדים זיין דער גדר פון אמירת הלל, אויף וואָס זאָגט מען הלל.

עס שטייט אין גמרא שבת[4] "הקורא הלל בכל יום הרי זה מחרף ומגדף" (דער וואָס זאָגט הלל יעדער טאָג איז דאָס אַזוי ווי ער איז מחרף ומגדף דעם אויבערשטן.) דאַרף מען פאַרשטיין: לכאורה זאָגט מען יעדער טאָג "ועל ניסיך שבכל יום עמנו" וואָלט מען לכאורה געדאַרפט זאָגן הלל יעדער טאָג?

איז דער ביאור אין דעם, הלל זאָגט מען דוקא אויף נסים גלויים. ווי עס שטייט אין מדרש תלפיות[5] "ההלל אומר על נסים נגלים כיציאת מצרים וכדומה" (הלל זאָגט מען דוקא אויף נסים גלויים אַזוי ווי יציאת מצרים.)

אַ נס גלוי איז אַ נס וואָס איז למעלה מהטבע, מען זעט קלאָרערהייט אַז דאָס איז ניט קיין טבעית'דיקע געשעעניש.

און אַזוי איז אויך משמע פון לשון המהרש"א[6] "הלל נתקן בימים מיוחדים על הנס לפרסם כי הקב"ה הוא בעל היכולת לשנות טבע הבריאה ששינה בימים אלו" (הלל האָט מען מתקן געווען אין געוויסע טעג צו מפרסם זיין אַז דער אויבערשטער קען בייטן די טבע פון די וועלט).

3. ר"ן על הרי"ף
4. קיח, ב
5. אות ה' ענף הלל הגדול
6. שבת שם

לויט דעם קען מען זאָגן אַז פורים איז נישט קלאָר צי מען זאָגט הלל צי ניט, ווייל מצד א' איז פורים געווען אַ נס המלובש בטבע. דאָס הייסט אַז עס האָט נישט פּאַסירט קיין שום זאַך וואָס איז קלאָרערהייט למעלה מהטבע. קומט אויס אַז מען זאָל ניט זאָגן הלל.

לויט דעם קען מען זאָגן אַז אויף פורים איז ניט קלאָר צי מען דאַרף זאָגן הלל צי ניט, ווייל מצד א' איז פורים געווען אַ נס המלובש בטבע. דאָס הייסט אַז עס האָט ניט פּאַסירט קיין שום זאַך וואָס איז קלאָרערהייט למעלה מהטבע. קומט אויס אַז מען זאָל ניט זאָגן הלל.

> און ווי דער אבודרהם[7] פרעגט טאַקע, פאַרוואָס מאַכט מען אַ ברכה "שעשה נסים" אויף פורים, לכאורה איז ניט געווען קיין שום ענין וואָס איז אַרויס פון גדרי הטבע.

אָבער מצד שני איז קלאָר אַז ביי נס פורים איז געווען אַ הנהגה נסית, אַלץ האָט זיך אויסגעאַרבעט אין אַן אופן וואָס איז אינגאַנצן ניט נאָרמאַל. וואָלט מען געדאַרפט זאָגן הלל!

**ג** לפועל איז דער דין אַז מען זאָגט ניט הלל בפורים. און דער טעם אויף דעם איז, וויבאַלד אַז דער נס איז אַ נס וואָס איז מלובש אין טבע.

> לויט רב נחמן קען מען זאָגן, אַז דאָס איז דער טעם וואָס אויף פורים איז מען יוצא הלל דוקא מיט קריאת המגילה, ווייל תורה איז "תורה אור" און עס האָט דער כח צו מגלה זיין וואָס עס איז בהעלם, און גיט כח צו זען אין די טבע דער נס וואָס איז דאָרטן פאַראַן. וואָס לויט דעם קען מען זאָגן, אַז אויב מען האָט ניט קיין מגילה, האַלט אויך רב נחמן אַז מען זאָגט ניט קיין הלל. נישט ווי דער מאירי.

און צו דאָס מבאר זיין ברענגט די גמרא צוויי דעות, וואָס זיי זיינען באמת צוויי אופנים ווי צו דאָס פאַרשטיין: דער טעם אַז "אין אומרים הלל על נס שבחוצה לארץ" און דער טעם פון רבא אַז "אכתי עבדי אחשורוש אנן!"

7. הלכות ברכות הראי'

דער ערשטער טעם איז, בהקדים הידוע וואָס בנוגע צו ארץ ישראל שטייט אין פסוק[8] "עיני הוי' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה". דאָס הייסט אַז אין ארץ ישראל איז דאָ אַ גלוי'דיקע השגחה פון דעם אויבערשטן. מה שאין כן אין חוץ לארץ איז די השגחה פון דעם אויבערשטן מער בהעלם. וואָס פון דעם ווערט אַז די נסים וואָס פּאַסירן אין חוץ לארץ זיינען ניט אַזויפיל בהתגלות.

קומט אויס אַז דער "חפצא" פון דער נס איז אַנדערש, עס איז אַן אַנדער סוג נס. און דערפאַר זאָגט מען ניט קיין הלל.

רבא זאָגט אַן אַנדער הסברה, מצד דער "חפצא" פון דער נס וואָלט מען יע געקענט זאָגן הלל. און דערפאַר איז טאַקע משמע אז רבא האַלט אַז אויף אַ נס וואָס פּאַסירט אין חוץ לארץ וואָלט מען יע געדאַרפט זאָגן הלל. נאָר דער חסרון איז מצד דער מענטש - דער "גברא."

ווייל כל זמן מען געפינט זיך אין אַ מצב פון גלות וואָס "עבדי אחשורוש אנן" איז דער מענטש ניט מסוגל צו דערהערן דעם נס וואָס איז מלובש אין דער טבע, און דעריבער קען מען ניט זאָגן הלל.

די הוראה אין עבודת ה': עס איז באַוואוסט וואָס דער רבי רש"ב האָט געזאָגט אַז "נאָר אונזערע גופים האָט מען געשיקט אין גלות" אָבער די נשמה פון אַ אידן איז אַלעמאָל אין חירות.

און דעריבער כאָטש אַז מצד דער גוף פון אַ איד איז פאַראַן אַ העלם והסתר אויף די ענינים וואָס זיינען העכער פון טבע, אָבער מצד די נשמה פון אַ אידן קען אַ איד זען און מגלה זיין אלקות וואָס איז העכער פון טבע!

על פי ליקוטי שיחות חלק ל"ו פורים שיחה ב'

8. עקב יא, יב

# קיצור לחזרה

1. ג׳ טעמים בגמרא שאין אומרים הלל בפורים.
2. ב׳ קושיות על שיטת רבא.
3. גדר אמירת הלל על נס גלוי דוקא. ספק בנוגע הנס דפורים.
4. ב׳ אופנים בביאור מדוע אין אומרים הלל בפורים, מצד הגברא או מצד החפצא.
5. הוראה בעבודת ה׳, מצד הנשמה אפשר להרגיש אלקות שלמעלה מהטבע.